בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' שלח | י"א סיון | תשע"א | פסחים: ס"ד.

# באריכט:

## מרן רבינו שליט"א אפגעפלויגן קיין אריזאנא צו קצירת חטים

היינט פארטאגס ארום 4:00 אזייגער האט דער רבי שליט"א אפגעשטאהט א פלוצלינג'דיגער באזוך אינעם "כולל חצות" אין בנין פון מבצר הכוללים, דערנאך האט דער רבי שליט"א פארלאזט קרית יואל אויפ'ן וועג קיין נוארק עירפארט ווי דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט דאווענען שחרית מיט א מנין אין א ספעציעלער פריוואטער ציבור וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך שר העסקנים הרב ארי' לייב גלאנץ הי"ו און העסקן ר' יואל אייזדארפער הי"ו.

באלד נאך שחרית איז דער רבי שליט"א ארויף אויפן פליגער אויפן וועג קיין אריזאנא ווי דער רבי שליט"א שניידט אצינד ווייץ אויפ'ן חג הפסח תשע"ב הבעל"ט, אינאיינעם מיט נאך גדולי הרבנים שליט"א.

אין אריזאנא האט זיך דער רבי שליט"א באגעגנט מיט רבנים און מכשירים פון אנדערע בעקערייען פון בארא פארק, לעיקוואד און נאך.

אויך האט זיך דער רבי שליט"א געטראפן מיט הרה"ג ר' בנציון שטראסער שליט"א דומ"ץ נייטרא. אצינד געפונט זיך דער רבי שליט"א אויפן פעלד אינאיינעם מיט הרה"ג ר' ישראל צבי ברוידא שליט"א רב דק' שערי אורה, הרה"ג ר' בנציון וואזנער שליט"א רב דק' שבט הלוי מאנסי, הרה"ג ר' אשר עקשטיין שליט"א דומ"ץ מחזיקי הדת בעלזא, און נאך.

אזוי אויך געפונען זיך דארט אנפירער און רבנים המכשירים פון די בתי אופה ד'קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג און קרית יואל.

דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אויפן פעלד אין די דארטיגע פארמיטאג שעה'ן, און צוליב די חומרא פון ווארטן מיט די קצירה אויף חצות אין די אנדערע מקומות ווי עס איז פארהאן טל אין די אינדערפריה שטונדען, האט מען דא אויך געווארט און הערשט נאך חצות אנגעהויבן שניידן די ווייץ, כאטשיק עס איז א טריקענע מקום און עס איז נישט פארהאן קיין שום פייכטקייט אין די איצטיגע סעזאן.

נאכ'ן שניידן האט זיך דער רבי שליט"א געשטעחט דאווענען מנחה אינאיינעם מיט די רבנים שליט"א אויפן ארט, און נאך מנחה האט דער רבי שליט"א פארלאזט יומא אריזאנא אויפן וועג קיין פיניקס אריזאנא פון ווי דער רבי שליט"א וועט אי"ה אפפליען

קיין טעקסאס ווי דער רבי שליט"א וועט מארגן באזוכן די בית השחיטה המהודרת ד'קהלתינו הק'.

דער רבי שליט"א וועט זיך אי"ה אומקערן קיין ניו יארק מארגן – דינסטאג נאכט.

## שמחת הבר מצוה בחצרות קדשינו

נעכטן נאכט איז אין בארא פארק פאהרגעקומען די שמחת הבר מצוה פון הב' בן הרה"ג ר' אברהם מאיר האלבערשטאם שליט"א דומ"ץ דקהלתינו 18'טע עוו. חתן הרה"צ אבד"ק דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א אין די זאלן פון הילמאן פלאזא.

## הגה"צ ראש ישיבת מהרי"ט בני ברק שליט"א צוגאסט אין אנטווערפן

ווי שוין באריכטעט ווערט אצינד אין די טעג ערווארטעט אין אנטווערפן דער גרויסער גאסט הגה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק וועלכער קומט ספעציעל באשיינען דעם מסיבת היסוד לטובת מוסדות יטב לב באה"ק וועלכער קומט אי"ה פאהר אין אנטווערפן מארגן – דינסטאג.

*-יהא בואו לברכה-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.